**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................7:38

מוצאי שב״ק.....................9:06

**שיעורים כסדרן**

נ״ך.................מלכים-א י״ט-כ׳

בבלי..........................שבת נ״ז

ירושלמי.................ביצה י״ד

תוספתא......................דמאי ו׳

רמב״ם...............סנהדרין י״ג

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

פרשת אחרי קדושים, ח׳ אייר, אבות פרק ג׳, שנת תש״פ לפ״ק

שנה 9, גליון 32 (446)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ**

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם; מִיט דֶעם וָואס אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן קוֹיפְט אִיר זִיךְ אַיין עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): ״אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ׳״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם סַיי אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט אַייךְ צוּרִיק קוּמֶען בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער; וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט אִים.

אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי דְרָשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים ג׳ שְׁמוֹת וֶועגְן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; וְוִיל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט. אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרוֹיף צוּ דִי שִׁיעוּרִים; נֶעכְטְן אִיז גֶעזֶעסְן בַּיים שִׁיעוּר אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר אִיז עֶר גֶעזִיצְן מִיט זַיין קָאפּ אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף אַרָאפּ, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צִי עֶר הֶערְט בִּכְלַל אוֹיס דֶעם שִׁיעוּר. נָאכְן שִׁיעוּר קוּמְט עֶר צוּ צוּ מִיר מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אוּן פְרֶעגְט מִיר: ״וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ מְצַער גֶעוֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, נִישְׁט סְתָּם מְצַער גֶעוֶוען נָאר זֵיי אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט?!״ אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט דִי אוֹיגְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער פִירְן צוּ דִיר״; דֶער אִיד אִיז הַיינְט אֵיינֶער אַלֵיין, זַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט ווִיסְן פוּן אִים, זַיין וַוייבּ הָאט אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט - אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת; נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ תֵּירוּץ אוֹיף מַיין קַשְׁיָא וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָארְן אוֹיף דֶעם אִיד. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ וואוּנְדֶערְן: ׳וָואס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ חוֹטֵא גֶעוֶוען, אַז עֶס לוֹיפְן אִים נָאךְ דִי נִישְׁט גוּטֶע?!׳ נָאךְ דֶעם שִׁיעוּר פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם הָאט עֶר אַלֵיינְס מִיר דָאס פַארֶענְטְפֶערְט.

דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (פֶּרֶק ה׳ מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, הֲלָכָה טו): ״אֵיינֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אֲפִילוּ בְּלוֹיז מִיט וֶוערְטֶער, אוּן אֲפִילוּ נָאר דוּרְךְ וִוינְקֶען, אִיז עֶר פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כז, טז): ״אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ״, פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז מְבַזֶּה זַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר בִּרְמִיזָה״; נָאךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר חֲרֵדִים (פֶּרֶק ט, סִימָן לה): ״אֲפִילוּ אֵיינֶער לַאכְט אָפּ פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ בִּכְלַל ׳אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ׳״.

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא א, ב): ״אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן״; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז ״מִכֶּ״ם״ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ׳דָּה כְּ׳נֶגֶד מִ׳דָּה. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, נָאר וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן זַיינֶע קִינְדֶער מִיט פְּרָאצֶענְט.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער אִיד הָאט מִיר דָאס פַארְצֵיילְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אַ גַאנְצְן שִׁיעוּר מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ; עֶר הָאט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעהֶערְט אַ תֵּירוּץ פַארְוָואס זַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים, עֶס אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פַארְוָואגְלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דֶערְפַאר זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דוּ הֶעלְפְסְט אִין שְׁטוּבּ; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשע״ח)

## מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָּה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זַצַ״ל, חֵלֶק ג׳ שַׁעַר ו׳). לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ ׳מַשְׁכַּנְתָּא׳, מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים שְׁלָאגְן וְכוּ׳, דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְרָא רָמָא לְבֵירָא עֲמִיקְתָּא, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, דָאס קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מִיט

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן פְלֶעגְט אַרַיין אִין דִי פְּסוּקֵי תְּהִילִים דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת. מֶען פְלֶעגְט הֶערְן וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן תְּהִילִים, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דִי מִזְמוֹרֵי תְּהִילִים; זֵיי פְלֶעגְן טַייטְשְׁן דִי פְּסוּקֵי תְּהִילִים, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קיח, ח): ״טוֹב לַחֲסוֹת בַּה׳ מִבְּטֹחַ בָּאָדָם״, עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, ״ה׳ לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם (שם, ו)״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן אַ צְוֵוייטְן; זָאלְסְטוּ אַזוֹי זָאגְן דִי תְּהִלִּים.

יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶס בּוֹיט אוֹיף אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן אַ זִיכֶערְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשי״פ)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# ס'אִיז נִישְׁט גוּט זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען צוּ אַ טֵייעֶר לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אִיר בֶּעט פַאר חִיזּוּק אוֹיף נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, וְכַדוֹמֶה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעהָאלְפְן אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד חָכָם, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף ווִיל עֶר בְּלַייבְּן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דָאס וֶוענְדְט זִיךְ בֶּאֱמֶת נָאר אִין אַייךְ.

דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים און צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוָואקְסְן וַוייל אוּנְטֶער זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַן אֵשֶׁת חַיִל וָואס הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן אַ פָּשׁוּטֶ'ע לֶעבְּן, אַן אָרֶעמֶע לֶעבְּן, אַבִּי אִיר מַאן זָאל בְּלַייבְּן לֶערְנֶען; אַלֶע גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאר צוּלִיבּ זֵייעֶר וַוייבּ, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דִי פְרוֹי. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָנִים זֶה מִזֶּה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", און דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִירְט אוֹיס דֶער מֶדְרָשׁ: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

אַז אִיר הוֹיבְּט אָן אֵייעֶר לֶעבְּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וֶועט עֶס וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין נָאךְ אֵייעֶר חֲתוּנָה; אִיר וֶועט פַארְלַאנְגֶען נָאךְ און נָאךְ פוּן אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, בִּיז עֶר וֶועט דַארְפְן גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט און פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר זַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען, אָפְּלָאזְן דָאס דַאוֶונֶען –כְּדֵי צוּ קֶענֶען דֶעקְן אֵייעֶרֶע פִילֶע גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיכְן; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ: "לוֹינְט זִיךְ דָאס? אִיז דָאס וֶוערְד?!"

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִיד אַן אָרֶעמַאן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן און אִים גֶעזָאגְט מִיט אֵיין שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל מִיט דִי גֶעלְט וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בִּירוּשָׁה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "פָּאלְג מִיר און וַוארְף עֶס אַוֶועק, דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְּן!" דֶער אִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס רֶבִּי נָתָן הֵייסְט אִים דָאס אַוֶועק וַוארְפְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיטְ'ן מַאנְטְל?" הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'ן הֶענְגֶער, מֶען דַארְף פַארְדֶעם קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶער הֶענְגֶער און אַ טֵייעֶרֶער הֶענְגֶער מִיט אַ טֵייעֶרֶער מַאנְטְל קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶענְגֶען אִין אַן אַלְטְן שַׁאפֶע, וֶועסְטוּ דַארְפְן גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶער שַׁאפֶע, נָאךְ מֶער - זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן - אַ טֵייעֶרֶער שַׁאפֶע פַּאסְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַן אָרֶעמֶע שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט דַארְפְן בָּארְגְן גֶעלְט זִיךְ אִיבֶּער צוּ בּוֹיעֶן דַיין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט אַרַיין צִיעֶן אִין שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, וַוייל וֶוען מֶען בּוֹיט אִיבֶּער אַ שְׁטוּבּ אִיז דָאךְ אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ מַאכְן דָאס און יֶענְץ און יֶענְץ און דָאס, קוּמְט אוֹיס אַז צוּלִיבּ דַיין מַאנְטְל וֶועסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן פַאר דַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין טֵייעֶרֶער מַאנְטְל וֶועסְטוּ קֶענֶען וַוייטֶער לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז אִיר הוֹיבְּט אָן דָאס לֶעבְּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וֶועט אִיר נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְפְן הָאבְּן אַ טֵייעֶרֶער קֶערִידְזְשׁ (קִינְדֶער וֶועגֶעלֶע), און אַז מֶען הָאט אַ טֵייעֶרֶער קֶערִידְזְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אַלְטֶע גֶענוּצְטֶע שְׁטִיְוול, דַארְף מֶען קוֹיפְן טֵייעֶרֶע שְׁטִיְוול און אַזוֹי שְׁלֶעפְּט דָאס אַרַיין אִין טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, קֶען אַזוֹי דֶער מַאן נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קָאפּ צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט, מֶען הָאט חוֹבוֹת - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר קוּקְן אוֹיף דִי לֶעבְּן מִיט אַן אֱמֶתְ'ן בְּלִיק, אִיר וֶועט לֶעבְּן דֶעם תַּם'ס לֶעבְּן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט' -מֵחָכָם וְתָם); עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט און גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט, עֶר הָאט גֶעהַאט בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער מִיט אֵיין פֶּעלְץ פַאר אִים און זַיין וַוייבּ און אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, און דֶער חָכָם זַיין חָבֵר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶעפְּרֶעסְט און מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, מֶען אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא.

>>>>>>

תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא", וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג און פוּן בִּיטֶער - זִיס? "מַאן מִנְכוֹן דְּמִחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר?" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶער לֶעבְּן - אַ זִיס לֶעבְּן, פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - מַאכְט עֶר לִיכְטִיג; עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק.

## מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג. אִין דִי טֶעג טְרוֹיעֶרְן מִיר אוֹיף דִי פִיר און צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן אִין דִי טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און נִישְׁט גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

דֶעריבֶּער אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַז מִיר זָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן טַאקֶע אִין דֶעם הִינְזִיכְט, אַז מִיר זָאלְן יָא מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי סִיבָּה וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע אֱמוּנָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט און עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וֶועט ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּ הָאבְּן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין גֶעבְּן, און קֵיינֶער קֶען אִים דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן. אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח:) "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ צְוֵוייטְן.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר אָן וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג פַארְוָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, און אַנְשְׁטָאט צוּ טוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז מֶען מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן, און מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, און דַאן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶעריבֶּער אִיז יֶעצְט דִי צַייט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְרַאךְ, דַאן בַּאקוּמְט עֶר אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, און דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ נִישְׁט מְקַנֵא זַיין קֵיינֶעם, און עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, און קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצָה אַרוֹיפְצוּקוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן און זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, זָאל מֶען אִים דָן זַיין לְכַף זְכוּת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען טוּט דָאס וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אָדֶער דִינִים חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ג) אַז פַאר מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ דִי גְזֵירָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט גֶעהֶערִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיכֶער זָאגְן אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא עוֹנֶשׁ, דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אִים: "דוּ וֵוייסְט, יֶענֶער הָאט גֶעטוּן דָאס אִיז דָאס" און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, וֶוערְט עֶר גֶערֶעגְט און עֶר פַּסְקְ'נְט גְלַייךְ אוֹיף יֶענֶעם: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט יֶענֶעם מִיתָה! פַאר אַזַא זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ הַארְבְּן עוֹנֶשׁ!". און דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, וַוייל אַמָאל הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ, און מִיט דֶעם וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

<<<<<<

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תש"פ)

>>>>>>

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג) "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ". וֶוען מֶען שְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ פְּרֶעגְט מֶען אִים "מִדַּעְתּוֹ", מֶען פְּרֶעגְט אִים וָואס עֶר אַלֵיין הַאלְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים פַאר אַן עוֹנֶשׁ. אָבֶער עֶס אִיז אוֹיךְ "שֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ", עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען פְּרֶעגְט אִים אוֹיף אִים אַלֵיין, עֶר מֵיינְט אַז מֶען פְּרֶעגְט אִים אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַּסְקְ'נְט אוֹיף יֶענֶעם, אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר גֶעַראטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל מֶען קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן נָאר אוֹיבּ עֶר אִיז אַלֵיין מַסְכִּים דֶערוֹיף. דֶערְפַאר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אַז וֶוען מֶען הֶערְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם, זָאל מֶען יֶענֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען סִיבּוֹת וָואס הָאט יֶענֶעם צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס צוּ טוּן. אוּן דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קכ"ז:) "הַדָּן אֶת הַבְּרִיּוֹת לְכַף זְכוּת, דָּנִין אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען מֶען הֶערְט אַ צָרָה וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּ אַ מֶענְטְשׁ, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן "עֶס קוּמְט זִיךְ יֶענֶעם" א.ד.ג. וַוייל מִיט דֶעם פַּסְקְ'נְט מֶען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. פַארְקֶערְט, מֶען זָאל זָאגְן אַ תְּפִלָּה, "ה' יִשְׁמְרֵנוּ וְיַצִּלֵנוּ" "רַחֲמָנָא לִיצְלָן" "אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד גֶעדַאכְט" א.ד.ג. מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען, אַז מֶען וִויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ, אוּן מֶען רַאטֶעוֶועט זִיךְ פוּן אַסַאךְ עוֹנְשִׁים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) אַז אֵיידֶער עֶס קוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין אוּן מֶען פְּרֶעגְט אוֹיךְ אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם כֹּחַ אַוֶועקְצוּנֶעמֶען גְזֵירוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג דַן צוּ זַיין מֶענְטְשְׁן לְכַף זְכוּת, אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג רַאטֶעוֶועט עֶר אַלֶע אִידְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַז יֶענֶער זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, י) "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל וָואס יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע. דַאן, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ" - וֶוען דוּ וֶועסְט אִים נָאכְדֶעם אָנְקוּקְן אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַז עֶר הָאט נָאר גֶעמֵיינְט גוּט, מִיט דֶעם וֶוערְט יֶענֶער טַאקֶע גוּט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן דֶעם אֵייגֶענֶעם לֶעבְּן אָן קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן. נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן יֶענֶעם אוּן דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיךְ נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס, אוּן עֶס וֶועט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ דָן אֶת חֲבֵירוֹ)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְן וִויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ ב"ה זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ מִיט דִי עֵצָה צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אִיךְ הָאבּ ב"ה גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנַיּוֹת, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ שַׁ"ס, אוּן אַלֶעס אִין אֵייעֶר זְכוּת.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מְ'זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס אַיינְצוּהַאלְטְן, אָבֶער סְ'קֶען זִיךְ אַמָאל מַאכְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, אוּן דִי קִינְדֶער וֶוייסְן פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי מִיר אוֹיפְצוּרֶעגְן, בָּרוּךְ ה' אַז סְ'מַאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפְט, אָבֶער סְ'קֶען גֶעשֶׁען אַז אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן אוּן שְׁלָאגְן. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן בַּאקוּם אִיךְ אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אִין לֶעבְּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, עֶס אִיז נָאר אוֹיסְצוּבְּלָאזְן דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוְון; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן פַארְלוֹירְן קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ שְׁוֶוערֶע בַּאנְק אוּן דֶער מְלַמֵּד זַיינֶער אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אוּמְגֶעדוּלְדִיג, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּכַעַס אוֹיפְ'ן קְלֵיינֶעם חַיִימְ'ל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוֹיפְ'ן בַּאנְק וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף זַיין פוּס, עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִינְגֶען דֶערוֹיף אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם בַּאנְק?!" שְׁפֶּעטֶער וֶוען חַיִימְ'ל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין טַאטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין חֵדֶר, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַארְוֵוייטָאגְטֶע פוּס כָּל יָמָיו.

נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז פַארְלוֹירְן אָדֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי שְׁלָאגְן וֶוען מֶען אִיז מִיד וְכוּ'.

אִין פַאל מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פֶּעטְשׁל פַארְ'ן קִינְד, וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן אָן קַיין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אָדֶער פוּן כַּעַס אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינּוּךְ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִינּוּךְ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינּוּךְ, נָאר דִי כַּעַס אוּן דִי נֶערְוְון זָאגְן אוּן רֶעדְן אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ: 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פְּרַאסְקֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (סא)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס קוּמֶען שְׁמוּעוֹת אַז דֶער פְרַאנְצוֹיזִישֶׁער קֵייסֶער נַאפָּאלְיָאן גְרֵייט זִיךְ אָנְצוּפַאלְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי ווִיל שְׁנֶעל פַארְלָאזְן דָאס לַאנְד.

**רעא**

פַארְנַאכְטְס אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן צְפַת, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז צוּ דְרֵיי שָׁעָה פַאר שַׁבָּת.

**רעב**

עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת זָכוֹר, אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי שָׁעָה צוּם זְמַן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין עַכּוֹ.

גְלַייךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְקוּמֶען הָאבּ זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּם שִׁיפְּ׳ס אַגֶענְט אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען אוֹיפְ׳ן שִׁיף, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז סְ׳אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיפְצוּלֵייגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ׳ן שִׁיף, וַוייל סְ׳אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, פִיל מֶער וִוי עֶס גֵייעֶן גֶעוֶוענְלִיךְ אַרַיין אִין דֶעם שִׁיף.

הָאט דֶער רֶבִּי, מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר׳ יִצְחָק, גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִין עַכּוֹ. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם גְבִיר, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פַאר אִים אַ בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע, אוּן זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת זָכוֹר.

**רעג**

שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, פַּרְשַׁת זָכוֹר, הָאט מֶען פַארְשְׁפַּארְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט עַכּוֹ, אוּן סְ׳אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, וַוייל עֶס הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען דָארְט אוּמְגֶעפֶער פוּפְצְן טוֹיזְנְט אַרַאבִּישֶׁע סָאלְדַאטְן, מִיט אַלֶע זֵייעֶר גֶעוֶוער אוּן קְרִיגְס גֶעצֵייג, זִיךְ גְרֵייטְנְדִיג אוֹיף אַ מִלְחָמָה מִיט דִי פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִילִיטֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהִין.

דִי אַרַאבִּישֶׁע מִילִיטֶער אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער דִי אוֹיפְזִיכְט פוּן אַ גֶענֶערַאל מִיטְ׳ן נָאמֶען דְזְשֶׁעזָאר.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה אפרים פראממער הי״ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

**מו״ה שמואל גליקמאן הי״ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**החתן מו״ה אליעזר שמן הי״ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב״ג**

דער חשובער חתן האט גאר אסאך געהאלפן דעם ראש ישיבה שליט״א און די הייליגע מוסדות, מיט וואס ס׳האט זיך נאר אויסגעפעלט, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט פיל אידיש נחת. דורות ישרים ומבורכים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
# מ׳פארדינגט שוין בעטן אויף ראש השנה אין אומאן

שטייענדיג אין די טונקלקייט פון קאראנא, הויבט שוין אן צו שיינען ביי אונז די ליכטיגקייט פונעם רבינ׳ס ראש השנה, מיר גרייטן זיך אויפ׳ן הייליגן ראש השנה צו פארן קיין אומאן צו מקבל זיין אלע תיקונים פון הייליגן רבי׳ן, און גלייכצייטיג בעטן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען אנקומען צום הייליגן רבי׳ן אן קיין שום מניעות און שטערונגען.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תג): ״הראש השנה שלי עולה על הכל״, ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ׳שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ׳וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר. ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ׳ס ראש השנה אין אומאן.

ווער האט זיך געקענט פארשטעלן דעם פארגאנגענעם ראש השנה, שטייענדיג אין שול און שרייענדיג ״מי יחיה ומי ימות״, ווי שטארק דאס וואס זיך אנזען דאס יאר, ווי דער אייבערשטער האט אנגעשריבן פאר יעדן פונקטליך ווער ס׳זאל געכאפט ווערן פונעם ווירוס און ווער נישט, ווער ס׳זאל עס איבערלעבן און ווער נישט, ווער ס׳זאל האבן מער סימפטאמען און ווער ווייניגער, און די איבריגע פילע עגמת נפש וואס קומט מיט דערמיט פון אלע זייטן, וואס ווירקט אזוי שטארק אויף יעדן מענטש. ווען מיר זאלן דאס וויסן אום ראש השנה, וואלטן מיר דאך זיכער איינגעריסן וועלטן און מתפלל געווען פון טיפן הארץ אז ס׳זאל קומען נאר א גוטע און געבענטשטע יאר אויף אלע אידישע קינדער.

דערפאר זעט מען יעצט א שטארקע אויפשטייג פון אידן וועלכע ווילן פארן צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, וואס ער האט צוגעזאגט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות צו העלפן און פועל׳ן א גוט יאר פאר די אלע וואס קומען צו אים. כאטש וואס מ׳האלט נאך א שיינע פאר חדשים פאר ראש השנה, האבן שוין אבער פילע אידן זיך איינגעקויפן טיקעטס צו זיין ביים הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה.

אין די יעצטיגע טעג האט מען שוין אנגעהויבן פארדינגען די בעטן אינעם נייעם בנין אין אומאן, צו פארברענגען דעם יום טוב צוזאמען מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א אין א היימישע ערליכע אטמאספער. מ׳בעט דעם עולם זיך אנצורופן ווי פריער, ווייל פאריאר זענען פילע ארויסגעפאלן ווען זיי האבן זיך דערמאנט די לעצטע מינוט און ס׳איז שוין נישט געווען מער קיין בעטן צו באקומען.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

***

## פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די פארגאנגענע וואך איז געגאנגען אונטער די חופה החתן אליעזר שמן נ״י, בן מו״ה מאיר הי״ו, וואס איז חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה פישל שערמאן הי״ו.

צוליב די פאראָרדענונגען פון די רעגירונג, איז די חתונה פארגעקומען אויף גאר א קליינעם פארנעם, לויט די אנווייזונגען פון די געזונטהייט באאמטע, זיכער צו מאכן אז קיינער ווערט נישט אנגעשטעקט.

די חתונה איז טאקע געווען קליין, אבער די שמחה איז געווען גאר גרויס, מ׳האט זיך געפריידט און געטאנצן און משמח געווען די חתן כלה אויף א הערליכן פארנעם.

דער חתן איז ברייט באקאנט מיט זיינע מדות טובות, אויסער זיינע פילע שיעורים וואס ער לערנט יעדן טאג, איז ער אויך גאר שטארק איבערגעגעבן פאר׳ן ראש ישיבה שליט״א, ער העלפט ארויס כסדר מיט אלעס וואס פעלט נאר אויס, וואונטשן מיר אים יעצט אז די אלע גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט פיל אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים.

**ויזכו לבנות בית נאמן בישראל!**

## כ׳קען נישט שמעקן

**איך קען נישט שמעקן, איך שפיר נישט קיין טעם אין עסן, אבער איך קען ב״ה יא זען, הערן, גיין, און נאך פיל גוטע זאכן**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**